**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 24/02/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול מעלדט פלענער פאר איך ליב NY שווארצע רייזע איניציאטיוו**

***איך ליב NY וועט רעקלאמירן שווארצע פאָר דעסטינאציעס, פאסירונגען און קולטורעלע אטראקציעס צו מוטיגן שווארצע רייזערס צו עקספלארירן ניו יארק סטעיט***

***בויעט אויף איך ליב NY LGBTQ און צוגענגלעכע NY פראגראמען צו אונטערהייבן ניו יארק טוריזם צווישן פארשידענע מיני באפעלקערונג***

גאווערנער קעיטי האקול האט היינט געמאלדן פלענער פאר אן איך ליב NY שווארצע רייזע אינציעטיוו, געצילט אויף צו וואקסן ניו יארק סטעיט טוריזם און צו מוטיגן שווארצע פארער וויזיטאציע. דער גאווערנער האט געמאכט דעם אנאנס ביי דער אלווין איילי אמעריקאנער טאנץ טעאטער אלץ טייל פון דער סטעיטס אנדענקונג פון דעם שווארצע היסטאריע מאנאט. די פראגראם וועט בויען אויף דער הצלחה פון דער סטעיטס טוריזם פראגראמען אזוי ווי איך ליב LGBTQ NY און צוגענגלעך NY וואס צייכנט אפ ערטער פון אינטערעס צו און שטיצט געוויסע רייזע קאמיוניטיס.

"די נייע איך ליב NY שווארצע רייזע איניציעטיוו וועט זיין א פייערונג פון ניו יארקס אָן קיין פארגלייך שווארצע היסטאריע, קולטור עסנווארג און קונסט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "פון פלעצער און מוזייען וואס ברענגט שווארצע היסטאריע צום לעבן צו וועלט-קלאסישע קונסט און קולטורעלע אינסטיטוציעס אזוי ווי אלווין איילי אמעריקאנער טאנץ טעאטער, ניו יארק האט אזוי פיל צו ווייזן. איך קוק פאראויס צו ארבעטן מיט אונדזערע שותפים אויפצונעמען אפילו מער באזוכערס צו שפירן שווארצע קולטור אין אונדזער סטעיט."

**לייטענעט גאווערנער אנטאניאו דעלגאדו האט געזאגט,** " איך שטאלציר אז אונדזער סטעיט וועט פראאקטיווערהייט אפצייכענען דער געוואלדיגע געמישטע קולטור וואס מיר האבן פארצולייגן און מוטיגן רייזערס פון ארום דער וועלט אדורכלעבן און הנאה האבן פון ניו יארקס שווארצע קולטור."

איך ליב NYs שווארצע רייזע איניציאטיוו וועט זיין אן ארומנעמיגע פראגראם וואס רעקלאמירט ניו יארק סטעיט אלץ א גוטע וואקאציע דעסטינאציע פאר שווארצע רייזערס. עס וועט האבן א באשטימטע באמערקונג אויף דער איך ליב ניו יארק וועבזייטל, און א רעקלאמירטע אקציע באזירט אויף מארק אויספארשונג און פאראינטערעסירטע זוכערס וואס צייכענען אפ עקסיסטירנדיגע פראמאג און שטיצן נייע פראגראמען צו צושטעלן א דירעקטע איינלאדונג וואס נעמען שיין אויף שווארצע באזוכערס און זייערע פאמיליעס אדורכצולעבן ניו יארקס נישטא קיין פארגלייך שווארצע היסטאריע, קולטור, עסנווארג, קונסט און געשעענישן.

דער אפטיילונג פון טוריזם וועט אויסניצן עקסעסטירנדיגע באציונגען מיט אינטערנאציאנאלע רייזע אפעראטערס צו מוטיגן די באשאפונג פון שווארצע רייזע פאָרפּלענער און באשעפטיגן רייזע זשורנאליסטן

און אינהאלט באשאפערס צו מעלדן אלעס וואס ערוואַרט שווארצע רייזערס און זייערע פריינד און פאמיליעס איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. איך ליב NY וועט אויך צוזאמענארבעטן מיט אנדערע סטעיט ביוראס שותפים און לאקאלע טוריזם רעקלאמע אגענטורן צו פארגרעסערן זייער שווארצע רייזע מעסעדזשינג.

דער יערלעכער עקאנאמישער אימפאקט פון טוריזם און רייזע אין ניו יארק סטעיט זינט 2021 איז $85.5 ביליאן, און עס פראדוצירט גענוג און סטעיט און לאקאלע שטייערן צו שפארן יעדן הויזגעזינט מער ווי $1,000 א יאר. די טוריזם און די גאסטפריינדלעכקייט סעקטאר איז דער סטעיטס דריטע גרעסטע אינדוסטריע, וואס שטיצט איינס אין 10 פריוואטע סעקטאר פאסטנס. שווארצע רייזערס רעפעזענטירן מער ווי 13 פראצענט פון דער אינערלעכע פרייע צייט רייזע מארק, אויסגעבנדיג איבער $109 ביליאן א יאר.

**עמפייער סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO און קאמיסיאנערין האופ נייט האט געזאגט,** "ניו יארק כאפט זיך ארום מיט איר פארשידן מיניקייט און מיר ווילן פארזיכערן אז באזוכערס פון ארום דער וועלט אנערקענען די געלעגנהייטן צו פייערן שווארצע היסטאריע און ירושה איבער דער סטעיט. היות ווי מיר האבן אן א גלייכעניש טיפקייט און פארשידן מיניגע אטראקציעס דא וואס געפעלן די שווארצע רייזערס, איז דער פראגראם זייער פאסיג צו שיינען דערויף א ליכט און באווייזן די פלעצער, מעשיות און מענטשן."

**עמפייער שטעיט אנטוויקלונג וויצע פרעזידענט און עקזעקוטיווע דירעקטאר פון טוריזם ראס ד. לעווי האט געזאגט,** "איך ליב NY איז אויפגעהייטערט צו ארבעטן מיט פאראינטערעסירטע איבער דער סטעיט צו בויען און אנהייבן די נייע פראגראם וואס וועט גייט האנט אין האנט מיט אנדערע טוריזם פראגראמען אזוי ווי וועגן דורך היסטאריע, איך ליב NY LGBTQ און צוגענגלעכע NY. דער נייע איניציאטיוו וועט העלפן אמפליפיצירן און פארברייטערן די באמיאונגען פון אונדזער רייזע אינדוסטריע שותפים וואס צייכנען שוין אפ שווארצע רייזע אטראקציעס, און לאדענען איין שווארצע רייזערס פון ארום דער וועלט צו קומען טרעפן וואס זיי האבן ליב אין ניו יארק סטעיט.

**אלווין איילי אמעריקאנער טאנץ טעאטער ארטיסטיק דירעקטאר ראבערט בעטל האט געזאגט,** "אלץ אן אינסטיטוציע וואס איז געבוירן פון דער שווארצער איבערלעבונג אין ניו יארק מער ווי 65 יאר צוריק, זענען מיר שטאלץ אז גאווערנער האקול האט אויסגעקליבן דעם חשובע פראגראם אין איילי'ס היים - דער דזשאו-ען וייל צענטער פאר טאנץ - דער גרעבטער בנין דעדיקירט צו טאנץ דא אין דעם קאפיטאל פון טאנץ. מיר קוקן זיך אויס שיין אויפצונעמען די וועלט קיין ניו יארק מיט אנדערע, א דאנק צו דער איך ליב NY שווארצע רייזע איניציאטיוו, און זען מער באזוכערס אינספירירט דורך איילי'ס אויפטריטן און קלאסן.

ניו יארק איז דער היים פון צענדליגער אונטערגרונט באנען פלעצער און איינע פון די גרעסטע דזשונטינט פעסטיוואלן אין לאנד. די סטעיט האט שטארקע באציאונגען מיט פירער אזוי ווי פרעדריך דאגלאס, סאדזשארנער טרוט און העריעט טאבמאן, און איז ווי היפ-האפ איז געבוירן געווארן. מוזייען און געשעענישן וואס פייערן שווארצע קולטור, קונץ און ירושה קען מען טרעפן איבער דער סטעיט - פון דער דזשעקי ראבינסון מוזיי אין אונטערשטע טייל מאנהעטן, ביז צו דער העריעט טאבמאן נאציאנאלע היסטארישע פארק אין אובורן, צו דער קאלירטע מוזיקאנטן קלוב אין בופאלא.

אין א סערוועי פון שווארצע רייזערס, האבן 64 פראצענט באריכטעוועט אז עס איז וויכטיג צו האבן צוטריט צו שווארצע קולטור און ירושה ווען מען קלייבט אויס וואו צו גיין. נאך א סערוועי פון שווארצע רייזערס באריכטעוועט איז די פארשידנמיניקייט אין מארקעטינג איז א הויפט פאקטאר ווען מ'קלייבט אויס א פלאץ וואו צו גיין, מיט 54 פראצענט פון US שווארצע רייזערס זענען מער עלול צו באזוכן אן ארט מיט שווארצע רעפרעזענטאציע אין דער רעקלאמע. איך ליב NY האט שוין אריינגעלייגט פארשידנמיניגקייט

אין איר מארקעטינג און שטופט טעמעס, אטראקציעס און פלעצער פון אינטערס צו א ברייטע ווארואציע פון קאמיוניטיס. די נייע רייזע פראגראם איז דער נעקסטער פאזע פון דער דיוויזיע פון טוריזם'ס ארבעט צו פארשפרייטן, זיך משתתף זיין אין געוויסע איינלאדענונגען און צוגאנגען צו LGBTQ רייזערס און געסט מיט צוגענגלעכע געברויכן.

**וועגן ניו יארק סטעיט**
ניו יארק סטעיט איז א פרעמיע וואקאציע פאַרציל מיט ערשט-קלאסישע אטראקציעס, בילדערישע נאטירלעכע שיינקייט, לאקאלע מקור מאכלים, און א בליענדיגע געניטע געטראנק סצענע, אן אויסוואל פון גאלעריעס, און איקאנישע, גאנציאריגע פעסטיוואלן און געשעענישן. ס'איז 11 פארשידענע וואקאציע ראיאנען וואס צייגט טייל פון דער וועלטס בעסטע ביטשעס, צווי פון אמעריקע'ס הויפט דריי באליבסטע סטעיט פארקס; אטעם-פארכאפנדיגע ניאגארא פאלס; מער סקי ערטער פון אלע אנדערע סטעיטס; איינע פון דעם לאנדס לענגסטע בלעטערווארג סעזאן; עטלעכע כבוד גאלעריעס; צפון אמעריקעס לענגסטע, שנעלסטע און העכסטע זיפליין (פארן אויף א דראט); דער גרעסטער פובליק געשיצטע ארט אין דער קאנטינענטאל US; און דאס לאנדס לענגסטע מולטי-באניץ סטעזשקע. לייג צו דער סטעיט׳ס מוזעאומס, היסטארישע מערקפונקטן, קולטורעלע ערטער, באַחנ׳טע קליינע שטעטעלעך און גרויס-שטאטישע שפיל פלעצער, און עס איז קיין וואונדער נישט אז ניו יארק ווערט אויף א כסדר׳דיגן אופן אויסגעוועלט אלס א העכסט-ראנקירטע וואקאציע ארט דורך רייזע אויסגאבעס און מבינים. צו העלפן אייך פלאנירן אייער נעקסטע ניו יארק סטעיט וועקאציע, באזוכט www.iloveny.com.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418